# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**,
**און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



פרשת תצוה
תשע"ח לפ"ק
גליון כ'

**שאלה**

## עס שטייט "משנכנס אדר מרבים בשמחה" - מיין קשיא איז וויאזוי טוט מען עס? וויאזוי זאל איך ווערן מער בשמחה אין חודש אדר?

**ענטפער:**

דער ענטפער איז אז איר דארפט וויסן אז הקב"ה האט געמאכט אין יעדן מענטש א קוואל פון שמחה, א קוואל פון פרייליכקייט. נאר די קוואל דארף ווערן געעפנט. איינמאל דו עפנסט אויף די קוואל און עס הייבט זיך אן ארויסצוגיסן, וועסטו זיין איבערראשט וויפיל שמחה עס געפונט זיך אין דיר.

מיר ווערן געבוירן מיט די מעגליכקייט צו זיין פול מיט שמחה. און איינמאל דו הייבסט אן צו טראכטן ווי גוט עס איז דער חודש אדר – ווען הקב"ה האט אונז געוויזן א בילד פון לעתיד לבוא, וויאזוי המן הענגט מיט אלע זיינע קינדער – וועט די שמחה אנהייבן זיך ארויסגיסן פון דיין מח. דו דארפסט נאר טראכטן!

דאס איז וואס עס גייט פאסירן לעתיד לבוא. ווייל באמת וואלטן אלע רשעים געדארפט אייביג הענגען. דאס איז וויאזוי עס וואלט געדארפט צו זיין. און די צדיקים וואלטן געדארפט צוקוקן און הנאה האבן פון די סצענע. עס איז א שמחה צו זעהן דיין שונא הענגען! דער איבערשטער ווייזט דיר דערמיט אז ער האט דיר ליב – דאס איז א שמחה!

מיר האבן אזויפיל שונאים היינט, און מיר האבן אלס געהאט פיינט. די צייט וועט קומען ווען אונזערע פיינט וועלן הענגען. מיר וועלן עס נישט דארפן טון; דער איבערשטער וועט עס טון פאר אונז! זיי וועלן הענגען!

און דאס איז וואס עס פאסירט אום פורים. דער איבערשטער האט אביסל אויפגעהויבן די פורהאנג און מיר האבן געקענט כאפן א בליק וויאזוי די צוקונפט וועט אויסקוקן. זיי האבן געגעבן א קוק: "ווער איז דער וואס הענגט דארטן? ס'איז המן! המן הענגט!" זיי זענען געווען איבערראשט; זיי זענען געווען שאקירט. און זיי זענען ארויס פון די כלים פאר שמחה.

דעריבער מאך זיכער אויסצונוצן די שמחה צו עפענען דעם קוואל וואס ליגט אין דיר.

אין צוגאב צו דעם, קענסטו הנאה האבן פון דעם פאקט אז פרילינג איז שוין אט אט דא. עס וועט זיין הערליכע וועטערס גאר שנעל, און דיביימער וועלן האבן גרינע בלעטער. איז טראכט ווי גוט ס'איז צו לעבן. אה, וואספארא תענוג עס איז צו לעבן! עס איז א גרויסע שמחה צו זיין לעבעדיג!

איז האלט אן צו טראכטן די פרייליכע זאכן, און הקב"ה וועט עפענען דעם קוואל פון שמחה וואס איז אין דיין מח. און עס וועט אנהייבן זיך ארויסגיסן אין חודש אדר. און דאן קענסטו האלטן אפן דעם קראן פון דעם קוואל אפילו אום ניסן און אייר, און אגאנץ יאר.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

**שאלה**

## אין חודש אדר דארפן מיר פארמערן שמחה, פארוואס?

**ענטפער:**

וויבאלד עס איז א זמן וואס פארלאנגט א געוויסע פארעם אין מח. פורים פארלאנגט שמחה, פסח פארלאנגט שמחה. אבער כדי צו זיין גרייט, דארפסטו אנהייבן שוין אנהייב אדר. דו קענסט נישט זיין צעקלאפט און טרויעריג, און פלוצלונג ווען פורים קומט וועסטו טאנצן ארויף און אראפ און פייערן דעם יו"ט. דו טוסט עס מיט א שווער הארץ.

ווען אדר קומט אריין דארף מען אנהייבן צו קוקן אויף וועגן און מיטלען צו ברענגען שמחה, און דו קוקסט אויף דער וועלט. די וועלט איז פול מיט שמחה. די זון-שיין ברענגט שמחה. די פאקט אז דו קענסט זעהן. איינס אויף די גרעסטע הנאות אין דער וועלט איז די מעגליכקייט צו זעהן. עס איז "פאן" צו זעהן. דו האסט צוויי סאפיסטיקירטע מאווי-קעמעראס וואס נעמען כסדר בילדער איבעראל וואו דו קוקסט – קאלירטע בילדער. איז עס נישט 'פאן' צו זעהן?

אה, מאך צו דיין אויגן, א טונקעלע טרויעריגע וועלט. עפן דיין אויגן. אהה!! רוקעדיגע בילדער! און זיי פונקציאנירן מיט א שטוינענדע פונקטליכקייט אינאיינעם. און די בילדער ווערט רעקארדריט אין דיין מח. דו ווייסט אז די בילדער וואס דו כאפסט יעצט וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן? איך קען דיר איבערצייגן אז די בילדער ווערן רעקארדירט אויף אייביג אין מח. פערציג יאר ארום וועט דיר איינער זאגן "געדענקסט ווען דו ביזט געזעסן אין ראביי מיללערס שול יארן צוריק? און ער האט גערעדט וועגן נפלאות הבורא."

"אה יא, איך געדענק." און די בילדער הייבן פלוצלונג אן ארויסצובליטשקען פון די פארבאקטע שענק פון דיין מח און דו זעהסט אלעס נאכאמאל.

וואו זענען די בילדער געווען די פארגאנגענע פערציג יאר? עס איז דא געווען, ווייל די בילדער וואס דו נעמסט ווערן קיינמאל נישט אויסגעמעקט פון דיין מח. דו קענסט פארגעסן, ווייל עס באהאלט זיך טיף אין די קעמערלעך פונעם מח, אבער די בילדער זענען דא. איין טאג קענסטו זיי ארויסנעמען און זיי נאכאמאל זעהן, און זיך דערמאנען וועגן דיין יוגנט. דו געדענקסט אפילו די שטימעס, ווייל אויך די קלאנגען ווערן רעקארדירט אין דיין קאפ.

איז דו הייבסט אן אנהייב אדר זיך אנהויפענען מיט שמחה. עס איז "פאן" צו זעהן. (דא האט רבי אביגדור גענומען א טיפן אטעם) עס איז 'פאן' צו אטעמען. רבותי, לאמיר אלע פראקטיצירן די שמחה פון אנפילן אונזערע לונגען מיט די וואונדערליכע לופט וואס געפונט זיך דא אין דעם קליינעם פלאץ. (אלע אנוועזענדע האבן גענומען א טיפן אטעם). אההה, דאס איז שמחה. עס איז 'פאן' צו לעבן! ברוך השם, ס'איז פאן צו לעבן. עס איז פאן ווען די הארץ מאכן די בלוט זאל קורסירן אין אלע אדערן; ס'איז 'פאן'. אלעס אין לעבן איז פאן.

ווי נאריש זענען מענטשן! איר ווייסט ווען זיי כאפן זיך אז לעבן איז פאן? ווען זיי האלטן שוין ביים שטארבן. אוי, אוי, אוי, עס איז אלעס דערנאך. יעצט איז די צייט, האט הנאה פונעם לעבן שוין יעצט.

עס איז פאן איבעראל. ווען דו זיצט מארגן צופרי און דו עסט פרישטאג, ס'איז פאן צו זעהן די ציין צעקייען די עסן. ציין איז פאן. פאלשע ציין איז אויך פאן. לעבן איז פאן. לעבן איז גליקליכקייט, און מיר דאנקען השי"ת דערפאר.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות